# א קליינע סקיצע - א גרויס מייסטערווערק

איך האָב אין אַפּריל־נומער פון אייער „היימיש" געלייענט ק. צעטניקס: „אַ מענטש ליגט אויפן ציגל־אויוון" און קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן פון אויסדרוקן מיין אַנטציקונג פאַר דער דאָזיקער קליינער סקיצע, חאָס איז אַ מייסטערחערק — שאין כמוהו!

און הגם איך האָב געלייענט אַלע זאַכן פון דעם העפּטלינג־שרייבער און פון אַלע נתפּעל געוואָרן, האַלט איך אָבער, אַז די לעצטע סקיצע שטייגט איבער אַלדאָס פריער געשריבענע.

מיר, וואָס מיר באַמיען זיך, אַז יענע צייטן זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן און זיי זאָלן געפינען זייער אַנטשפּרעכדיקן אויסדרוק סיי אין דער געשיכטע־פאָרשונג סיי אין דער שיינער ליטעראַטור, זעען מיר אין קאַצעטניקס שאַפן חי אַ פאַרווירקלעכונג פון אונזער טרוים.

בפרט פרייט אונז דאָס, חאָס מיר זעען ביי קאַצעטניקן אַ כסדרדיקן באַרג־אַרויף, אַ כסדרדיקן גיין פאָרויס; נישט חי ביי אַנדערע שרייבער געחעזענע לאַגעריסטן, וואָס אָדער זיי זענען אַנטשחיגן געחאָרן נאָכן אַרויסגעבן איינע צי צוויי זאַכן, אָדער זיי חזרן זיך אַליין איבער, און זייער וועג גייט באַרג־אַראָפּ...

קאַצעטניקס „אַ מענטש..." איז סיי היסטאָריש טריי, קיין איין פּרט נישט צוגעטראַכט, סיי קינסטלעריש שפּאַנענד, אינטערעסאַנט, און מיט אַזויפיל האַרץ און פאַרשטענדעניש געשריבן. פון אַ גאַנץ קליין „געשעניש", וואָס איז גאָרנישט קיין ליטעראַרישער „שטאָף" — האָט דער מחבר באַוויזן צו שאַפן אַ פּערל אין דער ליטעראַטור חעגן יענע צייטן.

איך חאָלט נאָך געחאָלט אָנחייזן אויף איין כאַראַקטעריסטישן מערקמאָל.

דער באַראַק, דער ציגל־אויוון, חאָס מיר זעען פאַר זיך ווי אַ קאָנקרעטע, ממשותדיקע זאַך, אַנטשפּרעכט די, וואָס האָבן זיך געפינען אין בירקענאו, נישט אין שטאַמלאַגער אוישוויץ. — דער מחבר רעדט אָבער — און דאָס זייער ריכטיק און פיינפילנדיק — חעגן „אוישוויצער הימל", אוישחיץ האַלט איין דעם אָטעם"...

„אוישחיץ" איז געחאָרן אַ מין סימבאָל, אַ מין ליטעראַרישער רעקוויזיט, בירקענאו — נישט. אוישחיץ — איז אַ מין נייער גיהנם, און חעט אין ...

קאצעטניקס „אַ מענטש... [illegible] קיין אײן פּרט ניישט צוגעטראַכט, סײַ קינסטלעריש שפּאַנענד, אינטערעסאַנט, און מ׳ט אַזויפיל האַרץ און פאַרשטענדעניש געשריבן. פון אַ גאַנץ קליין „געשעניש“, וואָס איז גאָרנישט קיין ליטעראַרישער „שטאָף“ — האָט דער מחבר באַוויזן צו שאַפן אַ פּערל אין דער ליטעראטור װעגן יענע צייטן.

איך חאַלט נאָך געחאָלט אָנחייזן אויף איין כאַראַקטעריסטיש; מערקמאָל.

דער באַראַק, דער ציגל־אויוון, חאָס מיר זעען פאַר זיך ווי אַ קאָנקרעטע, ממשותדיקע זאַך, אַנטשפּרעכט די, וואָס האָבן זיך געפינען אין בירקענאו, נישט אין שטאַמלאַגער אוישוויץ. — דער מחבר רעדט אָבער — און דאָס זייער ריכטיק און פיינפילנדיק — חעגן „אוישוויצער הימל“, אוישחיץ האַלט איין דעם אָטעם“...

„אוישחיץ“ איז געחאָרן אַ מין סימבאָל, אַ מין ליטעראַרישער רעקוויזיט, בירקענאו — נישט. אוישחיץ — איז אַ מין נייער גיהנם, און חעט אין יאָרן אַרום, נאָכדעם, חי ס׳וועט פאַרלוירן גיין זיין קאָנקרעטע, רעאַל־היסטאָרישע באַדייטונג, ווערן אַ מין מיטאָלאָגישער באַגריף וואָס באַצייכנט ס׳זיך־אָרט פון אַלעם שלעכטן. פון מענטשלעכער אוממענטשלעכקייט...

דאַגעקן בירקענאו, חו עס האָבן זיך געפונען די גרויסע קרעמאַטאָריעס, חו מיליאָנען זענען אומגעקומען, חעט בלייבן בלויז אַ היסטאָרישער באַגריף.

צי נישט אַזוי — פריינט קאַצעטניק ?

.12 .6 .1958

נחמן בלומענטאַל, תל־ביב

## באמערקונג פון רעד.:

ק. צעטניק געפינט זיך איצט אויף אַ רייזע איבער אייראָפּע, וואָס וועט דויערן אַ חודש־צוויי. קאָן ער איצט נישט ענטפערן אויף דעם ענין בירקענאו־אוישוויץ. יאָ, ער איז געווען אין בירקענאַו, וואָס איז די צווייטע זייט פון אוישוויץ.

דעם מגר. נחמן בלומענטאַל, וואָס איז אַזוי ספּעציאַליזירט אין געטאָ־ און קאָנצ־לאַגער־געביט, קומט אַ דאַנק פאַר זיין אָפּרופן זיך אויף דער דאָזיקער קאצעט־דערציילונג פון ק. צעטניק, וואָס איז אַזוי פּערפעקט אין דער גרויל־שילדערונג, אַז זי איז ממילא שלימותדיקע קונסט. אזעלכע מיני דערציילונגען דאַרפן געלייענט (און געדאַוונט) ווערן פון יעדן איינעם ייד און אויך — נישט־ייד...